NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13480

BUTS UN DI SANITARN

Leib Kvitko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ל. קוויטקאָ

בוץ
און די
סאַביטאַרנ

קינדער־פאַרלאַג פון או. ס. ס. ר. 1935

איך קען אײַך ניט זאָגן געוויס —
צי עמעס, צי ניין,
צי פּונקט אזוי איז געשען,
נאָר די מײַסע איז פריילעך.
ווי מע דערציילט זי —
אזוי דערצייל איך:

אין איינעם א שטעטל
האָט געוואקסן א יונג,
מיט אויגן ווי ליסקעס,
מיט אזעלכע פּיסקעס,
מיט אזא מין אָ שלונג!

ווער ביכער, וואָס ביכער:
אבי נאָר ווארעניקעס גיכער
און פּאָמפּעשקעס אין אייל,
און וואַרנעטשקעס פון מעל.
א שיסל נאָך א שיסל,
נאָכדעם נאָך אביסל.

איידער ער שלינגט נאָך אראָפּ,
ווינקט ער שוין צום טאָפּ:
„פּאָפּ, פּאָפּ, — גאָך עפּעס דאָ?"
און ער קערט אים איבער, — האָפּ!

אָט אזוי: פרעסן און נאשן,
ווער וואשן? וואָס וואשן?
אָט אזוי: שטראָדל און פלאָדן,
ווער באָדן? וואָס באָדן?

ווער וואסער? וואָס זייף?
דאָס קויטיקײַט נעמט אים ארום ווי א רייף.



דארפ זיכ דאָרט טרעפנ —
עס טוט זיכ די טיר אנ עפנ,
אונ עס שטעלט זיכ ארײַנ
אינ א כאלאט פונ לײַנ,
אזוי הויכ אונ דאר: —
דער ס א נ י ט א ר.
אונ הינטער אים: צוויי מענער,
אײנער פונ צווייטנ ניט קלענער.

אונ עס זאָגט סאניטאר
ניט ווייניקער, ניט מער:

„אָט אָ דער!"
אונ ווײַזט אפנ יונג.
ווי דער יונג האָט דאָס דערהערט,
האָט זיכ באלד אײנ אויג צעטרערט,
אונ דער וואַרעניק —
ניט אהינ, ניט אהער,
איז געבליבנ שטעקנ אינ שלונג...

טוט סאניטאר א זינג' ווי א טרומייטל:
— „דער קאטער גײט אום אינ שטעטל!
אזא יונג,
אזא שלונג,
אזא ברוד,
אזא שמוצ — :
נעמט אים, דעם בוצ!
שלעפט אים אינ וואנע!
לאָזט אפ אים אָפ די קראנענ!"

די צוויי מענער,—
וואָס איינער פונ צווייטנ ניט קלענער,—
האָבנ א הויב געטאָנ הענט,
זיכ אָנגעבלאָזנ ווי בערנ,
גענומענ זיכ רוקנ בא ווענט:
געמיינט, דער יונג וועט זיכ ווערנ,—

וויסעכ וואס!
בוצ האָט נאָר א שמאָרע געטאָנ מיט דער נאָז,
זיכ פארטייַעט—
אונ גאנצ רויִק דעמ ווארעניק דערקייַעט...

דערוויַיל האָבנ די צוויי מענער, —
וואָס איינער פונ צווייטנ ניט קלענער, —
גענומענ צעקעמענ דעם באָכער די לאָקנ
אונ אויסטאָנ די שיכ מיט די זאָקנ, —

ווער זאָקנ? וואָס זאָקנ? —
אײַנגעבאַקנ אינ די פיס!
אונ עס שמעקט, — א ניס נאָכ א ניס!
פריער ניסנ די מענער, —

וואָס איינער פון צווייטן ניט קלענער, —
און באַלד אליין דער סאַניטאַר:
א ניס און א ניס, דאָס מויל אים צעשפּאַרט:
— „עפּטשו! — וואַרפט אים אין וואַנע...
מיט די זאָקן וואַרפט אים... עפּטשו!
עפּנט אופ די קראַנען!“

האָבן די קראַנען גענומען שפּאַרן
אין יונג, אפן יונג, און אים צעפּאַרעט. —
האָט ער זיך א נעם געטאָן קראַצן,
פּלעשטשען דאָס וואַסער ווי טאַצן,
שרימפּן און ברומען,
דריגען מיט פיס און רייבן די לאָקן,

פלוצימ, — שטיל:
עס זײַנענ ארופגעשווומענ
צוויי פארדארטע זאָקנ!

אז מע האָט אימ פונ וואַנע ארויסגעבראכט,
האָט ער זיכ פאר נאכעס צעלאכט.
ער האָט זיכ אלײנ ניט דערקענט,
זיכ געזעצט אפ א באנק
אונ אויסגעשטרעקט דעמ סאניטאר די הענט:

„—א דאנק!"
דערנאָכ — צו די מענער,
וואָס איינער פונ צווייטנ נ'ט קלענער —
א זינג געטאָנ פויל:
„איצט
גלוסט זיכ
עפעס נעמענ
אינ מויל!"



פּרײַז 75 קאָפּ.

קינסטלער — ב. פרידקין
פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר — אי. גרינייד
טעכאָנפירער — יא. אָלמאן
קאָרעקטאָר — ג. ראכליס

Одобліт № 1141. Уповноваж. Головліту № 850. Замовл. № 397. Здано до складання 5-VII 35 р. Підписано до друку 26-VII 35 р. 1½ друк. арк. Папір 62x94 ¹/₈. Тираж 3000. Чергове вид. № 103.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, № 18.

Л. КВІТКО

САНІТАРИ

ДИТВИДАВ